בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# דִי וֶועג אַרוֹיס

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט: אַז דוּרְכְן אֱמֶתְ'ן צַדִיק וָואס לֶערְנְט אוֹיס צוּ "רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער" טְרֶעפְט אַ מֶענְטְשׁ 'דִי וֶועג אַרוֹיס' פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, אוּן עֶר קֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, אוּן עֶר דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

### לֵיל שִׁשִׁי תְּצַוֶּה תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# דִי וֶועג אַרוֹיס

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רטו):
עֶס אִיז דָא פִיר אוּן צְוָואנְצִיג סָארְט 'פִּדְיוֹנוֹת', וַוייל עֶס אִיז פַארְהַאנֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג **בָּתֵּי דִינִים**, אוּן אַקֶעגְן יֶעדֶע בֵּית-דִין דַארְף מֶען מַאכְן אַן אַנְדֶערֶע מִין פִּדְיוֹן, כְּדֵי מַמְתִּיק צוּ זַיין דֶעם דִין וָואס אִיז דָא בַּיי יֶענֶע **בֵּית-דִין**, וֶועגְן דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט יֶעדֶעס מָאל דִי פִּדְיוֹן וָואס מֶען מַאכְט, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער וֵוייסְט דִי פִיר צְוָואנְצִיג סָארְט פִּדְיוֹנוֹת, אוּן אַפִילוּ אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט יָא, מַאכְט עֶר אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע.

אָבֶער דָאךְ אִיז דָא אֵיין פִּדְיוֹן וָואס דָאס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַלֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג בָּתֵּי דִינִים, אוּן אַז מֶען קוּמְט אָן צוּ דֶעם פִּדְיוֹן, קֶען מֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

אוּן צוּ מַאכְן דֶעם גְרוֹיסְן פִּדְיוֹן דַארְף מֶען אַן עֵת רָצוֹן, צוּם בַּיישְׁפִּיל שַׁבָּת בַּיי מִנְחָה, אוּן דֶער פִּדְיוֹן קֶען נָאר מַאכְן דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִיק פוּנֶעם דוֹר **[חַד בְּדָרָא]** (וְעַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קעה), אוּן אַמָאל קֶען אַפִילוּ דֶער ׳חַד בְּדָרָא׳ אוֹיךְ נִישְׁט פוֹעֶלְ׳ן מִיט דֶעם פִּדְיוֹן, וַוייל מֶען נוּצְט דָאס אִין הִימְל פַאר אַנְדֶערֶע צְוֶועקְן: צוּ מַאכְן גֵרִים, אוּן מְבַטֵל זַיין עֲבוֹדָה זָרָה וָואס בְּרֶענְגְט דִי גְרֶעסְטֶע דִין אוּן חֲרוֹן אַף רַחְמָנָא לִצְלָן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אַרְבֶּעט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן - אוּן אַפִילוּ נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן - מַמְתִּיק צוּ זַיין אַלֶע דִינִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶערְפַאר הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט מְקָרֵב צוּ זַיין דִי עֵרֶב רַב אוּן מַאכְן פוּן זֵיי גֵרִים, אוּן וֶועגְן דֶעם לִיגְט עֶר אוֹיךְ

אַקעגן די עֲבוֹדָה זָרָה פון פְּעוֹר, אַזוֹי װי חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים רֶמֶז תרל"ז): װען די בַּעַל פְּעוֹר מַאכְט זיך אוֹיף דָאס מוֹיל צוּ רעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פַארְשְׁטָאפְּט ער זַיי דָאס מוֹיל (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד).

לֵייגְט דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּ, אַז משֶׁה רַבֵּינוּ שְׁטֵייט צְװִישְׁן שְׁמַד אוּן רָצוֹן, [׳שְׁמַד׳ בַּאטְרֶעפְּט: דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן פֶערְצִיג; ׳רָצוֹן׳ בַּאטְרֶעפְּט: דְרֵיי הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן פֶערְצִיג; ׳משֶׁה׳ בַּאטְרֶעפְּט: דְרֵיי הוּנְדֶערְט פוּנֶעף אוּן פֶערְצִיג]; װַייל משֶׁה הָאט אַזַא גְרוֹיסֶע כֹּחַ, אַז עֶר קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַפִילוּ פוּן שְׁמַד צוּם גְרֶעסְטְן רָצוֹן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ב.

מֶען קֶען פַארְשְׁטֵיין די װֶערְטֶער װָאס דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַזוֹי װי מֶען זֶעהְט עֶס ׳בְּגַשְׁמִיוּת׳ בַּיי די גוֹי׳אִישֶׁע גֶערִיכְט לְהַבְדִיל, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אַ שְׁװֶערֶע ׳קָארְט קֶעיס׳, נֶעמְט עֶר אַ לוֹיעֶר, װָאס דֶער לוֹיעֶר אִיז

גֶעלֶערְנְט און וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן בַּיים גֶערִיכְט, עֶר פְּרוּבִּירְט גֶערֶעכְט צוּ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אָדֶער כָאטְשִׁיג גְרִינְגֶער מַאכְן דִי עֲבֵירָה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן.

אָבֶער אַפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְטֵיידִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי 'דֶעם' גֶערִיכְט הוֹיז, קֶען מֶען נָאכְדֶעם גֵיין צוּ אַ הֶעכֶערֶע סָארְט גֶערִיכְט הוֹיז, אַזוֹי קֶען מֶען אַלְץ גֵיין פון אֵיין קָארְט צוּם אַנְדֶערְן, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּם הֶעכְסְטְן גֶערִיכְט [סוּפְּרִים קָארְט], וָואס דָארְט קָאסְט אָפּ גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אַ לוֹיעֶר, אָבֶער מֶען קֶען דָארְטְן פּוֹעֵלְ'ן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז לְהַבְדִיל בַּיי אַ אִידִישְׁן 'בֵּית דִין' אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן און זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט אֵיינֶעם, און יֶענֶער רוּפְט אִים צוּ 'דִין תּוֹרָה', מוּז עֶר הָאבְן אַ גוּטְן 'טוֹעֵן' וָואס זָאל טַעְנָה'ן פַאר אִים בַּיים בֵּית-דִין בְּשַׁעַת דֶעם דִין תּוֹרָה, וַוייל אוֹיב נִישְׁט, קוּמְט דֶער קֶעגְנֶער מִיט זַיין גֶעשְׁלִיפֶענֶעם צִינְגְל, און רֶעדְט אַיין אַ גַאנְצֶע בִּלְבּוּל וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעטְרָאפְן

אַקֶעגְן דִיר, אוּן בֵּית-דִין גְלֵייבְּט אִים לֵיידֶער, וַוייל אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט אוּן דוּ שְׁוַוייגְסְט, אִיז אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט מוֹדֶה [שְׁתִיקָה כְּהוֹדָאָה], אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט אַ טוֹעֵן, אֲפִילוּ יֶענֶער שְׁרַייט: בִּיזְט מִיר שִׁילְדִיג צֶען טוֹיזֶענְט דָאלֶער, אוּן דוּ ווִילְסְט מִיר נִישְׁט צוּרִיק גֶעבְּן! טַעְנָה׳ט דֶער ׳טוֹעֵן׳ פַּאר דִיר גְלַייךְ צוּרִיק: דוּ לִיגֶענֶער אֵיינֶער! עֶס פַּאנְגְט זִיךְ נִישְׁט אָן! דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וְכוּ׳. מְמֵילָא גֵייט עֶר אַרוֹיס זַכַּאי.

ג.

דָאס אִיז אַ ׳מוּסָר הַשְּׂכֵל׳ אוֹיף דִי עִנְיָן פוּן ׳תְּפִלָּה׳, אַז אַ אִיד דַארְף קוּמֶען אוּן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, אוּן רֶעדְן אָן פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע מִינֵי שְׁלֶעכְטְס קֶעגְן אִים, נָאר טַעְנָה׳ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ פַּארֶענְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן לָאזְט זִיךְ נִישְׁט, הֵייבְּט בֵּית-דִין אוֹיף דִי הֶענְט, אוּן זֵיי זָאגְן: גֵייטְס צוּ אַ הֶעכֶערְן בֵּית דִין. אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אִים

דַן יֶעדֶעס מָאל אִין אַ הֶעכֶערֶע מִשְׁפָּט, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּם הֶעכְסְטְן בֵּית דִין, וָואס דָארְט זֶענֶען דִי בֵּית דִין גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וָואס קֶענֶען דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְש 'לְכַף זְכוּת', אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵין חָכְמַת הַנֶפֶשׁ לְהָרוֹקֵחַ, דַף כז), אַז דִי בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זֶענֶען צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דִי שְׁוֶוערִיקֵייט פוּנֶעם דוֹר.

עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט פוּן צַדִיקִים (עַיֵין צֶמַח דָוִד לִקוּטִים, תְּפִלָּה), אַז אֵיין צַייט אִיז גֶעוֶוען דֶער 'רֹאשׁ בֵּית דִין' אִין הִימְל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' מֶעכִיל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶער מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעזָאגְט דֶערְפוּן, וַוייל עֶר הָאט צוּפִיל מַחְמִיר גֶעוֶוען[1].

---

[1] עֶר אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן מִיט דִי 'בְּרִית קוֹדֶשׁ', אוּן וִוי בַּאווּאוּסְט זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען 'נוֹטְרֵי הַבְּרִית' צְוֵוייי אוּן דְרַייסִיג דוֹרוֹת, דֶערְפַּאר הָאט עֶר זֵייעֶר מַחְמִיר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם חֵטְא, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר וֶועט מַאכְן חַס וְשָׁלוֹם אַ סוֹף פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל וֶוער קֶען דֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה? !

דערפֿאַר זאָגט דער הייליקער רבי (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן ז): װער קען זיין אַ מנהיג?! נאָר װער עס איז אַ 'רחמן', ער פֿאַרשטייט די צער און װייטאָג פֿון אידישע קינדער, און ער האָט רחמנות אויף זיי, און ער שלעפּט זיי אַרויס פֿון זייערע עבירות אין װאָס זיי זענען אַריינגעפֿאַלן.

און נאָר משה רבינו איז געװען אַזאַ מנהיג, אַזוי װי מיר זעהען בשעת די אידן האָבן געזינדיגט מיטן חטא העגל, װאָס דאָס איז געװען די ערגסטע עבירה אַזוי װי 'שמד', װייל מען האָט געדינט עבודה זרה, און דער אייבערשטער האָט געזאָגט (שמות לב, י): איך גיי חלילה יעדן אויסמעקן. האָט זיך משה רבינו איינגע'עקשנ'ט און גע'טענה'ט צום אייבערשטן (שם לב, לב): מחני נא – מעק מיר ענדערש אויס, אָבער נישט די אידן! אויף האָט ער געזאָגט (דברים רבה ז, י): זאָלן טויזענט משה'ס אַװעק געריסן װערן פֿון דער װעלט, אָבער איין נאָגל פֿון אַ איד זאָל נישט געטשעפּעט װערן! און ער האָט זיך מוסר נפש געװען פֿאַר כלל ישראל.

וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין ׳גִילוּי אֱלֹקוּת׳, בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶר קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶע׳שְׁמַדְ׳ט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע ׳רָצוֹן׳ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גָארְנִישְׁט וֶועלְן נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

## ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רז): בְּשַׁעַת דִי ׳פְרַאנְקִיסְטְן׳ הָאבְּן זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן גֶע׳שְׁמַדְ׳ט, הָאט דֶער בַּעַל-שֵׁם-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן עֶר הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן; עֶר הָאט גֶעזָאגְט (הֵיכָל הַבְּרָכָה דְבָרִים, קע״ד ע״ב; ר״ז ע״ב): כָּל זְמַן דִי אֵיבָרִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ זֶענֶען נָאךְ מְחוּבָּר צוּם גוּף הָאט עֶס נָאךְ אַ תַּקָנָה, מֶען קֶען עֶס פַארֶערכְטְן, אוּן עֶס קֶען צוּרִיק וַואקְסְן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט עֶס שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁנִיטְן פוּנֶעם קֶערְפֶּער קֶען מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּהְן. דָאס הֵייסְט, וִוילַאנְג אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין דִי רַאמֶען פוּן אִידְן,

אַפִילוּ וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס אָבֶּער עֶר טְרָאגְט נָאךְ דִי נָאמֶען 'אִיד', עֶר אִיז אִין דֶעם רַאם פוּן אִידְן, הָאט עֶר נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אוּן אַ תַּקָנָה, אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַדְ'ט רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶערִיסְן פוּן אִידְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין תַּקָנָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מַה; חֵלֶק א, סִימָן פ).

דָאךְ זָאגְט דָא דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רטו), אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶר שְׁטֵייט צְוִוישְׁן 'שְׁמַד' אוּן 'רָצוֹן', עֶר קֶען אוֹיפְהֶייבְּן אַ מֶענְטְשׁ אַפִילוּ פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע מַדְרֵגָה אַזוֹי וִוי שְׁמַד, בִּיז צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס דָאס אִיז רָצוֹן[2], אַזוֹי וִוי

[2] עֶס אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פְּרֶעמְדֶער אִיד, אָפְּגֶעשׁוֹירְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּקָאכְט, עֶר הָאט פַארְפִירְט: עֶר גֵייט גֵיין צוּם 'גַלָח' זִיךְ שְׁמַדְ'ן, רַחְמָנָא לִצְלָן! [דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע דוּרְכְגַאנְג, עֶר אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, אוּן לֵיידֶער גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ פְּרוּמֶען אִיד מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּבְּרָאכְן], הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: נוּ נוּ... גֵיי צוּם גַלָח! אוּן מֶען וֶועט דִיר אַרוֹיפְנָאגְלֶען אוֹיף אַ "צֶלֶם" אַזוֹי וִוי דִי רוֹימִישֶׁע הָאבְּן אַרוֹיפְגֶענָאגֶעלְט דֶעם "אוֹתוֹ הָאִישׁ" אוֹיפְן צֶלֶם... בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט, אוּן עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אַז עֶר הָאט זִיךְ

מִיר זֶעהֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט מְגַיֵיר גֶעוֶוען יִתְרוֹ, און אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט אַפִילוּ נָאכְן זִינְדִיגְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה; וָואס פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִי וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה.

ה.

אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִקְרָא כו, מ): **וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם** – דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ ׳מִתְוַדֶה׳ זַיין אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת; זָאגְן חַזַ״ל (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקֹּתַי): **אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: ווִי נָאר זֵיי דֶערְצֵיילְן מִיר אוֹיס זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּהְן בִּין אִיךְ זֵיי גְלַייךְ מוֹחֵל.

---

אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דֶעם נַארִישְׁן גֶעדַאנְק, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֵט, און עֶר הָאט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט און אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

דער זהר הקדוש זאָגט (רַעְיָא מְהֵימְנָא פַּרְשַׁת בֹּא, דַף מ ע״ב): אַפילו ווען אַ איד איז דורך געפאַלן מיט עבירות, אָבער אויב קומט ער גְלַייך צום באַשעפער און ער דערציילט אים אויס, און ער וויינט זיך אויס: **רבונו של עולם!** איך בין דורך געפאַלן, און איך האָב געטוהן דאָס און דאָס! דעמאָלטס ווען דער מקטרג קומט מקטרג זיין[3], טרייבט אים דער באַשעפער אַוועק, און זאָגט אים: איך ווייס שוין אַלעס! דער איד האָט מיר שוין אַלעס אויסגעזאָגט! ממילא גייט דער סמ״ך מ״ם אַוועק זייער פאַרשעמט מיט אַ גרויסע בזיון.

דאָס איז די גרויסקייט פון ׳התבודדות׳ – רעדן צום אייבערשטן, אָבער דאָס איז זייער שווער אַריין צוברענגן אין מענטשן, ווייל צו דעם מוז מען האָבן ׳אמונה׳, און צו אמונה מוז מען האָבן ׳תיקון הברית׳, (עַיֵין ליקוטי מוהר״ן

---

[3]ווייל דער זעלבער יצר הרע וואס האָט אים צוגערעדט צו טוהן אַן עבירה און אים מכשיל געווען, איז דער מלאך המות וואס הרג׳עט אים, און נאָכדעם גייט ער און ער איז מקטרג אויף אים (בָּבָא בַּתְרָא ט״ז ע״א).

חֵלֶק א, סִימָן לא), אוּן וֶוער קֶען דֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן דִי עֲבֵירָה?! מְמֵילָא אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (סֵפֶר הַמִדוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): **הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם** - דִי עֲבֵירוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין כְּפִירוֹת; אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן עֶר הֶערְט אִים אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): בֶּאֱמֶת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר וִויבַּאלְד דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גַאנְץ בַּיי אִים, וֶועגְן דֶעם אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צז): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת,

אִיז דָאס אַסַאךְ מֶער וִוי דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען דַאוֶונְט יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען, וַוייל דֶעמָאלְטְס גֵייט עֶר אוֹיף אַ נַייעֶ וֶועג וָואס דִי מְקַטְרְגִים וֵוייסְן נִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל, צוּ אֵיינֶעם וָואס טְרָאגְט אַסַאךְ סְחוֹרָה, אוֹיבּ פָּארְט עֶר אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְטְלִיכְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג, וֵוייסְן שׁוֹין דִי גַנָבִים צוּ לָאקֶערְן נָאךְ אִים, אוּן אִים אָפְּוַוארְטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אוּן בַּארוֹיבֶּען דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אָבֶּער אַז עֶר גֵייט דוּרְךְ אַ נַייעֶ אֵייגֶענֶע אוֹיסְגֶעטְרָאפֶּענֶע וֶועג, וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט פוּן דֶעם, מְמֵילָא גֵייט עֶר רוּאִיג דוּרְךְ מִיט דִי סְחוֹרָה.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, בַּיי דִי גֶעוֶוענְטְלִיכֶע תְּפִילוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג, בַּאפַאלְן אִים אַלֶע רוֹצְחִים, אוּן זֵיי ווִילְן צוּרוֹיבְּן זַיין דַאוֶוענֶען מִיט אַלֶע מִינֵי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת, וָואס עֶס קוּמֶען אִים אַרַיין דַוְקָא בַּיים דַאוֶוענֶען (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל), אוּן אַ מֶענְטְשׁ

**דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת עֶר זָאל קֶענֶען פָּשׁוּט אִינְזִין הָאבְּן וָואס עֶר דַאוֶוענְט[4], אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם**

[4]וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן 'תְּפִלָּה בְּכֹּחַ', נִישְׁט וִוי מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז תְּפִלָּה בְּכֹּחַ מֵיינְט, אַז מֶען דַארְף שְׁרַייעֶן אָדֶער זִיךְ וַוארְפְן בַּיים דַאוֶוענֶען, וַוייל דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת גֵייעֶן מִיט אַפִילוּ וֶוען מֶען שְׁרַייט אוּן מֶען וַוארְפְּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס בַּיים דַאוֶוענֶען קוּמְט זֵיי דִי 'צֶלֶם' אַקֶעגְן דִי אוֹיגְן, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט אַפִילוּ וֶוען מֶען שָׁאקֶעלְט דֶעם קָאפּ אַהֶער אוּן אַהִין כְּדֵי צוּ פַארְטְרַייבְּן דִי מַחְשָׁבוֹת, וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת גֵייעֶן וַוייטֶער מִיט אַהֶער אוּן אַהִין, נָאר דִי עֵצָה אִיז: נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן פוּן דֶעם אוּן זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג מַאכְן דֶערְפוּן, נָאר וַוייטֶער דַאוֶוענֶען, אַפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער עָרֵל מִיטְן צֶלֶם שְׁטֵייט קֶעגְן אִים, מְמֵילָא וֶועט זִיךְ דָאס נָאכְדֶעם אָפְּטוּהְן פוּן אִים. אָבֶּער דֶער וָואס הָאט דִי סָארְט מַחְשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הֵיילְן, דָאךְ אִיז אָבֶּער דָא פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אַ לֶעזוּנְג, דֶערְפַאר דַארְף מֶען גֵיין צוּם אֱמֶתְ'ן גְרוֹיסְן צַדִיק, עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיס צוּזֶעהְן דֶערְפוּן.

וֶועגְן דֶעם בְּשַׁעַת אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט הָאט עֶר אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה, אוּן עֶר דַארְף הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אוֹיבּ פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִינְזִין צוּ הָאבְּן, אוּן אַפִילוּ עֶס קוּמְט אִים אַרַיין מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת מַאכְט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט וַוייטֶער אִינְזִין צוּ הָאבְּן, אִיז עֶר גְלַייךְ אַזוֹי וִוי אַ גִבּוֹר בַּיי אַ מִלְחָמָה, וָואס רַייט אוֹיף אַ פֶערְד אוּן עֶר הַאלְט אַ שְׁוֶוערְד אִין הַאנְט, אוּן רַייטֶענְדִיג הַאקְט עֶר אָפּ אֵיינֶעם דִי קָאפּ, דֶעם אַנְדֶערְן דִי הַאנְט, אַן אַנְדֶערְן דִי פִּיס, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן דָאס אוֹיף שֵׁבֶט גָד (רַשִׁ"י דְבָרִים לג, כ. בְּשֵׁם תַּרְגוּם יוֹנָתָן), דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, דֶער מֶענְטְשׁ, שְׁנַיידְט אָפּ פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן דִי קְלִיפּוֹת,

אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר דַארְף מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער אוּן מִיט זַיין שְׂפְּרַאךְ, אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל דָאס שְׁטֶערְן, וַוייל דִי אַלֶע מְקַטְרְגִים קֶענֶען נִישְׁט אוּן וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי תְּפִלּוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכט): אַמָאל [פַאר דִי 'אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה' הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי בַּאשְׁטִימְטֶע תְּפִלּוֹת], אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תְּפִלָּה, אַז וֶוען אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט הָאבְּן, הָאט עֶר דָאס גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם עֶרְקְלֶערְט דָאס (הִלְכוֹת תְּפִלָּה, פֶּרֶק א), נָאר אַזוֹי וִוי דִי 'אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה' [עֶזְרָא מִיט זַיין בֵּית-דִין] הָאבְּן גֶעזֶעהְן, אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ צַייט וֶוען אִידְן

---

דֶעם אַ קָאפּ, דֶעם אַ הַאנְט, דֶעם אַ פִיס, אוּן אַזוֹי צוּהַאקְט עֶר זֵיי אוּן עֶר בַּאזִיגְט זֵיי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קכב). דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ אִיד הָאט אִינְזִין פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶוענֶען בִּיזְן סוֹף דִי טַייטְשׁ פוּנֶעם דַאוֶוענֶען אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אָבֶּער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן דִי גְרֶעסְטֶע כּוֹחוֹת, אוּן דָאס הֵייסְט 'תְּפִלָּה בְּכֹחַ'.

וֶועלְן רַחְמָנָא לִצְלָן זַיין אִין אַ בִּיטֶערְן גָלוּת, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶועןְ דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת[5], וָואס זָאל דֶערְהַאלְטְן אִידְן אִין דֶעם שְׁוֶוערְן גָלוּת[6].

---

[5]חַזַ״ל (בְּרָכוֹת דַף כו ע״ב) הָאבְּן אַ מַחְלוֹקֶת, אַקֶעגְן וָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גֶעוֶועןְ דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת? אֵיינֶער זָאגְט: אַקֶעגְן דִי דְרֵיי 'אָבוֹת', וָואס הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת: אַבְרָהָם - 'שַׁחְרִית'; יִצְחָק - 'מִנְחָה'; יַעֲקֹב - 'מַעֲרִיב'. אוּן אֵיינֶער זָאגְט: 'שַׁחְרִית' אוּן 'מִנְחָה' הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶועןְ אַקֶעגְן דֶעם 'קָרְבָּן תָּמִיד', וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶועןְ יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ 'צוּפְרִי אוּן פַארְנַאכְטְס', וָואס דָאס הָאט מְכַפֵּר גֶעוֶועןְ אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, אוּן 'מַעֲרִיב' אַקֶעגְן דִי 'אֵיבָרִים וּפְדָרִים' וָואס דָאס הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט בְּרֶענֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוֹיפְן מִזְבֵּחַ.

[6]אוּן מֶען זֶעהְט טַאקֶע בִּיז הַיינְט, אַז דָאס הָאט דֶערְהַאלְטְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער בַּיי אִידִישְׁקֵייט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל כַּמָה הֲוֵי? תְּלָתָא פַּרְסֵי - וֶוען אַ אִיד דַאוֶונְט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת גֶעפוּנְט עֶר זִיךְ נָאךְ אִין דִי אִידִישֶׁע מַחֲנֶה; אַפִילוּ עֶר קוּקְט אוֹיס וִויאַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס, אוּן אַפִילוּ אַז דָאס דַאוֶוענֶען קוּקְט אוֹיס וִויאַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס, אָבֶּער וִוילַאנְג עֶר נֶעמְט צוּפְרִי דֶעם טַלִית וּתְפִלִּין, אוּן עֶר לוֹיפְט אִין שׁוּהְל אַרַיין דַאוֶוענֶען; פַארְנַאכְטְס - יָאגְט עֶר זִיךְ, "עֶר דַארְף נָאךְ גֵיין דַאוֶוענֶען מִנְחָה"; בַּיינַאכְט - וֶועט עֶר נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן בִּיז עֶר וֶועט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב; [עֶר וֶועט זִיךְ אַפִילוּ שְׁטֶעלְן בַּיים וַואנְט דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶר וֶועט דַאוֶוענֶען], דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי אִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פַארְפֶעלְן פוּן דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָא אַ מִנְחָה, דָא אַ מַעֲרִיב, מִיטְן חֶשְׁבּוֹן: אִיךְ וֶועל שׁוֹין זָאגְן צְוֵויי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה'ס וְכוּ'. דֶעמָאלְס הֵייבְּט מֶען אָן פַארְפָארְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן.

קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן טוּט אוֹיף, אַז אַפִּילוּ הַיינְט װֶוען מֶען דַאװֶוענְט שׁוֹין יָא דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, פַארְװָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן אַלְטְן װֶועג, אוּן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן [אִידִישׁ], וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּפִילָה מִן הַדִין ? !

וַוייל װֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר בֶּעהְט אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר ווִיל, הָאט עֶר דָאךְ אִינְזִין וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ טְרַאכְטְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, נָאר עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט אִים אוֹיס, דֶערְפַאר אִיז דָאס זִיכֶער אַ 'תְּפִלָּה בְּכַוָּנָה', וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן דָאס װֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן אוֹיךְ אוֹיף דִי גֶעוֶוענְטְלִיכֶע תְּפִלּוֹת אַז עֶר זָאל קֶענֶען אִינְזִין הָאבְּן, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, רֵיינִיגְט אִים דָאס אוֹיס דִי מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה מֶער אוּן מֶער, עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זַיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז נָאכְדֶעם אִיז שׁוֹין זַיין מֹחַ אַזוֹי רֵיין, אַז אַפִּילוּ װֶוען עֶר דִי דַאװֶוענְט דִי

טֶעגלִיכֶע תְּפִלּות פון: **שַחְרִית** - **מִנְחָה** - **מַעֲרִיב**; הָאט עֶר שוין אויךְ אִינְזִין וָואס עֶר זָאגְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט אַ **בַּעַל-עֲגָלָה** אויפְן וֶועג צְוִוישְן דִי וֶועלְדֶער, און עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ טְרֶעפִּיק, [זֶעהְט אויס אַ פֶּערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אָדֶער גֶע׳פֵּגֶר׳ט, מְמֵילָא הָאט יֶעדֶער גֶעדַארְפְט וַוארְטְן ווילַאנְג מֶען וֶועט אַוֶועק שְלֶעפְּן דֶעם טויטְן פֶּערְד, אָדֶער אִים אויפְהֵייבְּן און לֵייגְן אִין דִי זַייט], דֶעם רֶבִּינְ׳ס בַּעַל-עֲגָלָה אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעשִיקְטֶער, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַלֵיינְס אַ נַייעֶר וֶועג צְוִוישְן דִי בֵּיימֶער, און אַזוי הָאט עֶר אויסְגֶעלָאזְט דֶעם גַאנְצְן פַארְקֶער, בִּיז עֶר אִיז צורִיק גֶעקומֶען צום גֶעהֶערִיגְן וֶועג, דָארְט וואו מֶען אִיז שוין נִישְט גֶעשְטַאנֶען.

דֶער בַּעַל-עֲגָלָה הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דְרִימְלְט, שְרַייט עֶר צום הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: **רֶבִּי**! אִיר זֶעהְט וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוהְן? אִיךְ בִּין אַרָאפּ פונֶעם גְרָאדְן

וֶועג, און אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ אוּמְוֶועג, יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אַלְטְן וֶועג!

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר מוֹרָא׳דִיג פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּהְן! אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אָבֶּער אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אַלְטְן וֶועג פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים״; וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן ״רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער״.

ז.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר אִיז: ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ און אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ, מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תְּמִימוּת אָן קַיין חָכְמוֹת נָאר אַזוֹי וִוי אַ ׳אִידֶענֶע׳ דַאוֶוענְט, און בֶּעט מִיט אִיר תְּמִימוּת: בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! און דָאס גְלַייכְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לג): דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז אֶמוּנָה אִיז אַ קְלֵיינִיקַייט, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז אֶמוּנָה אִיז אַ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאךְ, און דִי עִיקָר אֶמוּנָה אִיז

אָן חָכְמוֹת, נָאר אַזוֹי ווי אַ אִידֶענֶע גְלֵייבְּט און דַאוֶוענְט, און בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ ווי אַ קִינְד.

אִין דֶעם לֶעצְטְן ראֹשׁ הַשָּׁנָה תקע״א, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוֶוען[7], און עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס דָארְט גֶעוֶוען זַיין אֵיינִיקְל יִשְׂרָאֵל, וָואס עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען דְרַיי פִיר יָאר, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן: יִשְׂרָאֵל[8]! בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט. זָאגְט עֶר: זֵיידֶע! גֶעבּ מִיר דַיין זֵייגֶערְל. דִי הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ צוּלַאכְט און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיר זֶעהְט, עֶר אִיז שׁוֹין אַ גוּטֶער אִיד [אַ רֶבִּי][9], עֶר בֶּעט אַ

---

[7] עֶר הָאט גֶעשְׁפִּיגְן בְּלוּט וְכוּ׳, ווי בַּאוואוּסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלִיטְן אוֹיף דִי לוּנְגֶען, וָואס דֶעמָאלְטְס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רְפוּאָה אוֹיף דֶעם.

[8] דִי זוּהְן פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַזוֹי ווי דֶער בַּעַל־שֵׁם־הַקָדוֹשׁ: יִשְׂרָאֵל בֶּן שָׂרָה (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן קנא, וְשֶׁהָיָ׳ לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נַחַת מִזֶּה עיי״ש).

[9] און אַזוֹי ווי אַ וָוארְט וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי מוֹיל פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מְקוּיָם, אִיז דֶער וָוארְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיךְ מְקוּיָם גֶעוָוארְן אַסַאךְ יָארְן שְׁפֶּעטֶער, און עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַ ׳רֶבִּי׳, עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי

פִּדְיוֹן פַאר דִי תְּפִלָּה. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעטוּהְן דֶעם זֵייגֶער אוּן עֶס אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְּן.

אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הֶערְט מֶען וִוי עֶר שְׁרַייט: ״גָאט! גָאט! לָאז דֶער זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט״. הָאבְּן אַלֶע חֲסִידִים דָארְט גֶעלַאכְט, זָאגְט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: לַאכְטְס נִישְׁט! נָאר דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה! אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד בֶּעט, וָואס עֶר מֵיינְט נִישְׁט אוּן עֶר טְרַאכְט נִישְׁט קַיין שׁוּם

---

מִטְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [טָאכְטֶער פוּן זַיין זוּהְן רֶבִּי אַהרֹן מִטְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵין פְּעוּלַּת הַצַּדִיק סִימָן תתר״ו, וּבְהַעָרָה שָׁם), אוּן פוּן דֶעם אִיז נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע מָאלִינֶ׳ער גֶזַע.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ אֵיינִיקְל וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִידֶערִיג, אוּן דִי סִבָּה דֶערְפוּן אִיז גֶעוֶוען, אַז אֵיינְמָאל וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער חַתַם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, אִיז דֶער אֵיינִיקְל אַרוּם גֶעלָאפְן אוּן גֶערוּדֶערְט, [אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן קִינְדֶער], אוּן דָאס הָאט גֶעשְׁטֶערְט דֶעם הֵיילִיגְן חַתַם סוֹפָר, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: דוּ קְלֵיינֶער טְרֶענְדֶערְל, הֶער אוֹיף צוּ רוּדֶערְן! אוּן דֶער קִינְד הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר אִיז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעבְּלִיבְּן זֵייעֶר אַ נִידֶערִיגֶער.

חָכְמוֹת נָאר עֶר בֶּעט פְּרָאסְט און פָּשׁוּט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלט); דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד.

ח.

און וֶוער עֶס טוּט דָאס לֶעבְּט אַ 'חַיִים טוֹבִים', וַוייל זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז נָאר אֶמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, מְמֵילָא הָאט עֶר דִי בֶּעסְטֶע לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב): וֶוער עֶס הָאט אֶמוּנָה אִיז זַיין לֶעבְּן אַ לֶעבְּן, וַוייל אַפִילוּ חָלִילָה וְחַס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, הָאט עֶר מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין און זִיךְ שְׁטַארְקְן, אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֶמוּנָה אִיז אִים נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר בִּיטֶער.

בִּפְרַט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תַּאֲוָה פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, און מֶען טְרָאגְט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ טֶעלֶעפָאוֹן וָואס הָאט 'אִינְטֶערְנֶעט', וָואס דוּרְךְ דֶעם וָואס

מֶען קוּקְט דִּי אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם רַחְמָנָא לִצְלָן צוּ כְּפִירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ב ע"ב): **נִיאוּף אוּן כְּפִירוֹת** גֵייט צוּזַאמֶען; אוּן וִוי מֶער שְׁמוּץ מֶען קוּקְט אַלְץ מֶער קוּמֶען אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אַקֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן סְפֵיקוֹת אִין דִּי אֶמוּנָה, בִּיז נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן טְרַאכְטְן: פַארְוָואס דַארְף אִיךְ לֵייגְן **תְּפִלִּין, צִיצִית**, הִיטְן **שַׁבָּת**?! בִּיז מֶען טוּט אַזֶעלֶעכֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן מֶען גֵייט אַזוֹי אַרַיין אִין דִּי טוּמְאָה אַז מֶען קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען[10].

---

[10]וָואס בֶּאֱמֶת אִיז דִּי גַאנְצֶע תַּאֲוָה אוּן מְשׁוּגַעַת פוּן קוּקְן שְׁמוּץ אַ גְרוֹיסֶער ווּאוּנְדֶער, הָאסְט דָאךְ שׁוֹין דָאס גֶעזֶעהְן אֵיינְמָאל אוּן צֶען מָאל אוּן הוּנְדֶערְט מָאל, עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִּי נָאז? עֶקֶלְסְט דִיךְ נִישְׁט פוּן דִיר אַלֵיין? נָאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט רַחְמָנָא לִצְלָן אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי אַ שִׁיכּוֹר אִיז עֶדִיקְטֶעד צוּ אַלְקָאהָאל, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפּ.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דִּי וֶועלְט פַארְצֵיילְט (עַיֵּין מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, פֶּרֶק יא), פוּן אַ שִׁיכּוֹר וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלְץ אָנְטְרוּנְקֶען אוּן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוֹיף דִּי גַאסְן אָנְגֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְשְׁמִירְט וְכוּ', זַיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק שֶׁעמֶען מִיט אִים: זֵייעֶר טַאטֶע לִיגְט אִין גַאס שִׁיכּוֹר אוּן אַלֶע קִינְדֶער לַאכְן אִים אוֹיס אוּן מֶען בַּאוַוארְפְט אִים מִיט זַאכְן וְכוּ'. אוּן זֵיי הָאבְן אִים גֶעוָואלְט אָפְּגֶעוואוֹינֶען

אוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַ בִּיטֶערֶע לֶעבְּן, כָאטְשִׁיג פַּאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן דַאכְט זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַ

---

דֶערְפוּן אוֹיף אַלֶע װֶועגְן, עֶנְדְלִיךְ אִיז זֵיי אֵיינְמָאל גֶעלוּנְגֶען אִים צוּ כַאפְּן װֶוען עֶר אִיז נִישְׁט שִׁיכּוֹר, הָאבְּן זֵיי אִים גְלַייךְ גֶענוּמֶען אִין אַ שֶׁענְק [בַּאר], צוּ וַוייזְן וִוי אַזוֹי אַ שִׁיכּוֹר זֶעהְט אוֹיס, עֶס זָאל אִים פַארְגֵיין דִי אַפֶּעטִיט פוּן זִיךְ אָנְטְרוּנְקֶן, אוּן זֵיי זֶעהֶען דָארְט אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעבְּרָאכְן, אוּן בַּאמַאכְט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ, רוּפְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אָן, אוּן זָאגְן פַארְן טַאטֶען: זֶעהְסְט טַאטֶע! אַזוֹי זֶעהְט מֶען אוֹיס נֶעבֶּעךְ אַז מֶען טְרִינְקֶט. בִּיז דֶערְוַוייל, גֵייט עֶר צוּ צוּ יֶענֶעם, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: זָאג מִיר! פוּן וואוּ הָאסְטוּ גֶענוּמֶען אַזַא גוּטֶער וַויין?....

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי וָואס לֵייגְן זִיךְ אַרַיין רַחְמָנָא לִצְלָן אִין שְׁמוּץ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָנְזֶעטִיגְן דֶערְפוּן, עֶר פְרֶעגְט אוֹיךְ זַיין חַבֶר: פוּן וואוּ הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַזַאלְכֶע שֵׁיינֶע בִּילְדֶער? [בַּיי אִים אִיז דָאס נֶעבֶּעךְ שֵׁיין], וַוייל מֶען װֶוערְט אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ [עֶדִיקְטֶעד], אַז מֶען קֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אָפְּרַייסְן.

צִיגַארֶעטְלֶעךְ אִיז אוֹיךְ אַן עֶדִיקְשָׁא"ן, בִּיז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס רַייכֶערְן רַחְמָנָא לִצְלָן אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערְן, עֶר צִינְדְט אָן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע אַזוֹי וִוי אַ קֵייט, [מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶס קָאסְט אָפּ, וָואס מֶען קֶען וֶוען מִיט דִי גֶעלְט קוֹיפְן אַ גַאנְצֶע פְרִישְׁטָאג פַאר זִיךְ אוּן פַאר צְוֵוייי דְרֵיי קִינְדֶער, אוּן צוּמָאל אַ גַאנְצֶע שַׁבָּת אוֹיךְ, אוּן עֶר שְׁרַייט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט...]. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דְרָאגְ"ס רַחְמָנָא לִצְלָן, אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרַיין דֶערִין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, צִיהְט דָאס אַזוֹי שְׁטַארְק, בִּיז דֶער גַאנְצֶער מֹחַ וֶוערְט אִים פַארְבְּרֶענְט.

גוּטְן טָאג, אָבֶער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז אָן אֶמוּנָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ נֶעבֶעךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן.

דָאךְ אִיז דֶער כֹּחַ פוּנֶעם צַדִיק אַזוֹי גְרוֹיס אַז אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן בִּיז צוּ 'שְׁמַד' וָואס דָאס אִיז דִי נִידֶערִיגְסְטֶע זַאךְ, דָאךְ קֶען עֶר אִים אוֹיךְ אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען בִּיז צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס דָאס אִיז 'רָצוֹן', וִוי אַזוֹי? דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אִים דִי 'אֶמוּנָה'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס): וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן צַדִיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף; דָאס הֵייסְט, זַיין מֹחַ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף, ווייל בִּיז יֶעצְט אִיז אִים נִיטְאַמָאל בֵּייגֶעפַאלְן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּהְן, אַפִילוּ עֶר הָאט לֵיידֶער גֶעקוּקְט שְׁמוּץ הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: עֶס וֶועט מִיךְ דֶען עֶפֶּעס שָׁאטְן? עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז צוּבִּיסְלִיךְ מַאכְט עֶר זִיךְ רַחְמָנָא לִצְלָן נָאךְ און

נָאךְ פְּלֶעקְן אוֹיף זַיין נְשָׁמָה[11]. אָבֶער אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן מֶען הֶערְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה רֶעדְט מֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, וַוייל וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אִים דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה פַּאלְט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

[11] פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען רֵייכֶערְט, פַּארְפְּלֶעקְט מֶען זִיךְ דִי לוּנְגֶען יֶעדֶעס מָאל מֶער אוּן מֶער מִיט שְׁוַוארְצֶע פְּלֶעקְן, וָואס דָאס שַׁאדְט פַאר דִי לוּנְגֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, לֵיידֶער אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן נִישְׁט דִי עֶרְנְסְטְקֵייט דֶערְפוּן, אוּן עֶר טַעְנָה'ט: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ זֵיידֶע וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען הֶעכֶער דִי נַיינְצִיג, אוּן עֶר הָאט גֶערֵייכֶערְט וִוי אַ קוֹימֶען, אַז זַיינֶע פִינְגֶער אוּן שְׁנוֹיצְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בְּרוֹין, אוּן עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעשַׁאדְט, אוּן מִיר וֶועט עֶס אוֹיךְ גָארְנִישְׁט שָׁאטְן, אָבֶער פַאר אִים הָאט עֶס יָא גֶעשַׁאדְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען.

## ט.

און מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַפִילוּ בִּקְדוּשָׁה אִיז אוֹיךְ דָא שְׁטוּתִים און הֲבָלִים, און מֶען קֶען זִיךְ גוּט אָפְּנַארְן, בִּפְרַט בַּיי דִי עִנְיָן פוּן 'קַבָּלָה' קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג אָפְּנַארְן מֶענְטְשְׁן.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, ה): דִי לִימוּד פוּן **קַבָּלָה** און מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית דַארְף מֶען לֶערְנֶען שְׁטִילֶערְהֵייט און בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַז קֵיינֶער זָאל אַפִילוּ נִישְׁט וִויסְן אַז עֶר לֶערְנְט דָאס. און וֶוער אִיז דֶען גְרֶעסֶער וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר זָאגְט (הַנְהָגַת הָאָדָם, סְעִיף ה): פוּן מָאל צוּ מָאל זָאל מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ פַּחַד און אַ צִיטֶער דִי 'כִּתְבֵי אֲרִ"י'; און אַז מֶען זָאל זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז הַיינְט דִי סְטֵייל צוּ לֶערְנֶען **קַבָּלָה**: מִיט אַ גְלָאז טֵיי, און דִי צִיגַארֶעטְל אִין הַאנְט וְכוּ', און אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אַ שְׁטִיקְל 'עֵץ חַיִים', לְמָשָׁל מֶען וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט יֶעצְט פוּן אַ הוּט, און זִיךְ

גֶע׳טַעְנָה׳עט צוּ אַזַא סָארְט הוּט צוּ אַן אַנְדֶערֶער סָארְט הוּט[12].

עֶס זֶענֶען אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן צְוֵויי חֲסִידִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קַבָּלָה [פוּן ׳זִיווּגִים׳ אוּן ׳אֵיבָרִים׳ וְכוּ׳], הָאט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: הֶערְט אוֹיף צוּ רֶעדְן **נִיבּוּל פֶּה**; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זֵיי הַאלְטְן בִּכְלַל נִישְׁט בַּיי דֶעם וָואס זֵיי רֶעדְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תקכ״ו): **קַבָּלָה** בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל **נוֹאָף**; וַוייל אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען עֶס אָפּ פָּשׁוּט בְּגַשְׁמִיוּת, רֶעדְט מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן **נִיבּוּל פֶּה**. בִּכְלַל

[12] עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן זַיינֶע קַבָּלָה סְפָרִים אִין זַיין פְּרִיוַואטֶע סְפָרִים שַׁאנְק, אוּן דָארְט אוֹיךְ צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע סְפָרִים, מֶען זָאל עֶס נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, דֶער הוֹיז בָּחוּר הָאט שְׁפֶּעטֶער פַארְצֵיילְט: אֵיינְמָאל וֶוען עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט טְרִינְקְן פַארְן רֶבִּי׳ן, אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ בַּאמֶערְקְן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס טִישׁ אַ ׳קַבָּלָה סֵפֶר׳ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע סְפָרִים.

**זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכה)**: קַבָּלָה אִיז פָּשׁוּט אַ חָכְמָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ לֶערְנֶען.**

נָאר ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַלֵיין אִיז נָאךְ אַ הַאלְבֶּע צָרָה, אָבֶּער דֶער עִיקָר צָרָה אִיז אַז מֶען פַארְנַארְט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי "קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ", מְמֵילָא קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אַיינְרֶעדְן מֶענְטְשְׁן מִיט פַאלְשֶׁע דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן[13], אוּן מֶענְטְשְׁן זָאגְן: עֶר אִיז דָאךְ אַ מְקוּבָּל

[13] צוּם בַּיישְׁפִּיל: עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ דִמְיוֹן בַּיי אַ גְרוֹיסְן צִיבּוּר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט מֶער נִישְׁט אִין אוּמַאן, [אוּן וֶוען נִישְׁט אִיךְ שְׁטֶעל אָפּ דֶעם דִמְיוֹן וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען חָרְבָּנוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין לֵיידֶער גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס עֶס הָאט זֵיי גֶעכַאפְּט דֶער דִמְיוֹן, אוּן זֵיי זֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה]. וִויפִיל מִיה אוּן פְּלָאג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַרַיינְגֶעלֵייגְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן גֶעטַעְנָה'ט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַפִילוּ נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת, בִּיז עֶר הָאט דָאס גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן אַזוֹי אִיז יֶעדֶעס יָאר צוּגֶעקוּמֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ אוֹיף **רֹאשׁ הַשָּׁנָה** (עַיֵין יְמֵי מוֹהֲרְנַ"ת סִימָן ע"ב; פ"ה; וְעוֹד), אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן אִין לִיקוּטֵי הַלָכוֹת וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אַוַודַאי אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען רֹאשׁ

**אֶלֹקַי! כָאטְשִׁיג אִיךְ הֵייבּ נִישְׁט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר רֶעדְט, אָבֶּער עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַוַדַאי... פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אַ לַמְדָן זָאגְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן פִּלְפּוּל, און כָאטְשִׁיג קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט דָאס נִישְׁט, פַארְלָאזְט מֶען זִיךְ אַז מִן הַסְתָּם וֵוייסְט עֶר וָואס עֶר רֶעדְט** (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סד)**; וָואס דָאס אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער נַארִישְׁקֵייט, וַוייל אוֹיבּ קֶען עֶר מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, און מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין טִיפֶע בְּלָאטֶע וואוּ אִיךְ לִיג, און פוּן מַיינֶע גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע**

---

הַשָּׁנָה, אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֵייסְן, פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, און יֶעדֶער וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען **׳בְּרֶסְלְבֶ׳ער חָסִיד׳**, קוּמְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער מְסִירַת נֶפֶשׁ, [און מֶען דַארְף נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען דָארְט, און ווִי אַזוֹי זֵיי קוּקְן אוֹיס, אַדְרַבָּה זָאל די גַאנְצֶע וֶועלְט קוּמֶען, וַוייל אַזוֹי ווִי אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן דַארְף יֶענֶער אוֹיךְ אַ תִּיקוּן, און מֶען דַארְף נֶעמֶען די זֶעקְל בֵּיינֶער (גוּף) און דָאס בְּרֶענְגֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה], דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן מ״ג), אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח), די וִויכְטִיגְקֵייט פוּן מְקָרֵב זַיין נָאךְ אִידְן צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ, אַז דֶער חֶשְׁבּוֹן וֶוען מֶען אִיז מְזַכֶּה נָאךְ אֵיין אִיד עֶר זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קוּמְט אָן צוּ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גְרוֹיסֶע נוּמֶערְן פוּן בִּילְיַאנֶען און נָאךְ מֶער!

זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן דִי גַאנְצֶע פִּלְפּוּל אוּן טִיפְן דְרוּשׁ, נָאר דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִיק אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ מִיר, אוּן מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז מֶען זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן[14].

---

[14] וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר נִישְׁט נִתְפָּעֵל פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, זָאל זַיין סַיי וָואס, אוּן סַיי וֶוער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶ׳ער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (עַל הַגְאוּלָה וְעַל הַתְּמוּרָה סִימָן פו): אַפִילוּ דִי רְשָׁעִים דִי עֶרֶב רַב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואלְטְן גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי זוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, וָואלְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז אַקֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז עֶס גָארְנִישְׁט!

[און וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן זֶענֶען נָאךְ דִי מֶענְטְשְׁן גֶעוֶוען פַארְנַארְט, אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי 'נִצְחוֹנוֹת' וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעהַאט, כְּאִילוּ דָאס זֶענֶען נִיסִים, וָואס וֶוער עֶס אִיז בַּאקַאנְט וִוי אַזוֹי דִי אַרַאבֶּערְס הָאבְּן דֶעמָאלְטְס אוֹיסְגֶעקוּקְט, וֵוייסְט גַאנְץ גוּט, וָואסְפַארַא נִיסִים אִיז גֶעוֶוען...? אַוַודַאי! אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע גֶעוֶוער אוּן מִיט טַאנְקֶען קֶעגְן דִי פְּלַאטְשִׁיגֶע אַרַאבֶּערְס, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז דִי אַרַאבֶּערְס הָאבְּן אוֹיסְגֶעטוּהְן דִי שִׁיךְ אוּן אַנְטְלָאפְן וִוי דִי רוּחַ הָאט זֵיי גֶעטְרָאגְן...

הַיינְט מִיט דִי שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירָה פוּן "גִּיוּס בְּנֵי יְשִׁיבוֹת" זֶעהְט שׁוֹין יֶעדֶער אַרוֹיס אָפֶּען וָואסְפַארַא רְשָׁעִים זֵיי זֶענֶען, זֵיי דַארְפְן דֶען הָאבְּן דִי חֲרֵדִי'שֶׁע סָאלְדַאטְן? זֵיי הָאבְּן גֶענוּג לֵיידִיגֵייעֶרְס וָואס זָאלְן דִינֶען אִין דִי מִילִיטֶער, בִּפְרַט אַז דָאס קָאסְט זֵיי

אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט אִים זַיין מֹחַ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן עֶר בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט קוּק אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר זֶעהט אוּן הֶערְט אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: וַוייל אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶענוּמֶען אִין מִיר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז שׁוֹין מַיין קוּקְן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מַיין הֶערְן גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן מַיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ.

אוּן דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע סוֹד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מָשִׁיחַ אַיינֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי

נָאךְ אָפּ רִיזִיגֶע גֶעלְטֶער, נָאר זֵיי ווילְן פָּשׁוּט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה פוּן דִי בָּחוּרִים, אוּן אַז זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט מֵיידְלֶעךְ רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אוֹיסְ׳שְׁמַדְ׳ן רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן בַּיי אָחָז (יְרוּשַׁלְמִי סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק י, הַלָּכָה ב): פַארְוָואס הֵייסְט עֶר אָחַז? וַוייל עֶר הָאט פַארְמַאכְט אַלֶע שׁוּהְלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אוֹיבּ עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין יְשִׁיבוֹת וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין אִידְן, וַוייל אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יוּנְגֶע אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַלְטֶע [**אִם אֵין גְּדָיִים אֵין תְּיָשִׁים**]. אוּן אַז מֶען לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוּן מֶען פְּרָאטֶעסְטִירְט אַקֶעגְן דֶעם, הַאקְן זֵיי אַרַיין מִיט דִי פֶּערְד אוּן שְׁטֶעקֶענֶעס אִין בָּחוּרִים, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה רַחְמָנָא לִצְלָן].

דער הייליגער רבי זאָגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן ב): די געווער פון 'משיח' איז 'תפלה' - רעדן צום אייבערשטן.

י.

דאס איז געזאָגט געוואָרן שטענדיג ווען אַ מענטש רעדט צום באַשעפער, דאָך איז דאָ צייטן ווען עס איז אַ גרויסער עת רצון, למשל: "שבת נאָכמיטאָג ביי מנחה"; "ווען מען עפנט אויף דעם אָרון-קודש"; און נאָך פאַרשידענע צייטן (עיין במאמר עת רצון להגאון ומקובל רבי אשר זעליג מרגליות זצוק"ל), בפרט בשעת "חצות", (עיין עוד בספר קומי רוני להנ"ל), וואס אין זוהר הקדוש ווערט דערמאַנט אָן אַ שיעור מאָל די גרויסקייט פון חצות, וואס צדיקים זענען דעמאָלטס אויף און דער אייבערשטער איז זיך משתעשע מיט זיי, און מען קען דעמאָלס אויס׳פועל׳ן ביים באַשעפער וואס מען וויל, ווייל דעמאָלטס זיצט אַ מענטש כביכול מיטן באַשעפער, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (איכה ב, יט): **שפכי כמים לבך נכח פני ה׳** - גיס דיך אויס דיין האַרץ פאַרן באַשעפער; און דאָס גייט אַרויף אויף די

צַייט פוּן חֲצוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט דֶעמָאלְטְס אַקֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הֶערְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעהְט (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נד).

אוּן דֶעמָאלְטְס קוּמְט מֶען אָן צוּ דֶעם הֶעכְסְטְן גֶערִיכְט, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ דִין תּוֹרָה, אוּן מֶען טַעְנָה׳ט נִישְׁט דִי טַעְנוֹת וָואס מֶען הָאט, וֶועט מֶען אַרוֹיס גֵיין חַיָיב, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַלֵיינְס טַעְנָה׳ן בְּרֶענְגְט מֶען אַ גוּטְן ׳טוֹעֵן׳, וָואס עֶר קֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין אֲפִילוּ מִיט דִי רַבָּנִים, אוּן עֶר קֶען זֵיי פְּרֶעגְן: פוּן וואוּ נֶעמְט אִיר דֶעם פְּסַק?

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, אַז אֵיינֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן גַאס אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זָאל עֶר שׁוֹין זָאגְן אוֹיפְן פְּלַאץ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן? אוּן אוֹיבּ דֶער מְקַטְרֵג זָאגְט: וֶוער הָאט דִיךְ גֶעהֵייסְן קוּקְן? זָאל מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְן, נָאר וַוייטֶער טַעְנָה׳ן: אוּן וֶוער הָאט גֶעהֵייסְן אַז

דִי שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפָּה זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַזוֹי אוֹיפְן גַאס, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג, זָאל אִיךְ גֵיין מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ, אוּן אַרַיינְזֶעצְן אִין אַ וַואנְט, בִּין אִיךְ דֶען גֶעגַאנְגֶען זוּכְן שְׁמוּץ?! אוּן אוֹיב דֶער בֵּית-דִין וִויל נִישְׁט אָנֶעמֶען זַיינֶע טַעְנוֹת, זָאל מֶען גֵיין צוּ אַ הֶעכֶערֶע בֵּית דִין, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן בְּשׁוּם אוֹפֶן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט זִיךְ וֶוען עֶר טַעְנָה'ט כַּבְיָכוֹל פַּארְן בַּאשֶׁעפֶער, אַז אַפִילוּ עֶס שְׁטֵייעֶן דָארְט אַלֶע צַדִיקִים, אוּן אַפִילוּ דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת מִיט דִי נְבִיאִים אוּן דִי תַּנָאִים וַאֲמוֹרָאִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערשְׁרֶעקְן, נָאר אַרוֹיס זָאגְן אָפֶען אַקֶעגְן יֶעדְן זַיינֶע טַעְנוֹת: עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג!

בִּפְרַט אַ בָּחוּר דַארְף טַעְנָה'עֶן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט חַתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מַיין זִיווּג, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ וִויל חַתוּנָה הָאבְּן,

## פַארְוָואס זָאל מֶען מִיךְ שֶׁעלְטְן און אוֹיף מִיר זָאגְן (קִידוּשִׁין כ״ט ע״ב): תִּיפַּח עַצְמוֹתָיו?![15]

---

[15] לֵיידֶער זֶענֶען הַיינְט די עֶלְטֶערְן נִישְׁט בַּאקַאנְט אִין די וִויכְטִיגְקֵייט פוּן חֲתוּנָה מַאכְן די קִינְדֶער וָואס פְּרִיעֶר, און וֶועגְן אֵייגֶענֶע כָּבוֹד און גֵיאוּת לָאזְט מֶען די קִינְדֶער זִיךְ עֶלְטֶערְן מֶער און מֶער, וָואס די תּוֹצָאוֹת דֶערְפוּן זֶענֶען לֵיידֶער זֵייעֶר בִּיטֶער, אִין די צַייט וָואס וֶוער עֶס הָאט אַ זוּהְן אַ בָּחוּר, וָואלְט זִיךְ די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעדַארְפְט זָארְגְן אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, און זִיךְ נִישְׁט אַזוֹיפִיל קְלוֹיבְּן און לָאזְן דֶעם זוּהְן וַוארְטְן... און אַוַודַאי וֶוען מֶען הָאט אַ טָאכְטֶער דַארְף מֶען זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מֶער זָארְגְן אַז זִי זָאל חֲתוּנָה הָאבְן, אַזוֹי וְוי חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים קיג ע״א; וְעַיֵין וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה כא סִימָן ז): בִּתְּךָ בִּגְרָה שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ - וְוי נָאר דַיין טָאכְטֶער אִיז גְרוֹיס גֶעוָוארְן, זָאלְסְטוּ אַפִילוּ בַּאפְרֵייעֶן דַיין קְנֶעכְט כְּדֵי זִי זָאל חֲתוּנָה הָאבְן מִיט אִים. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (סַנְהֶדְרִין דַף ק ע״ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ טָאכְטֶער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין מְנוּחָה בַּייטָאג און בַּיינַאכְט, פוּן גְרוֹיס מוֹרָא צוּ זִי וֶועט אַוֶועקְפַאלְן רַחְמָנָא לִצְלָן, [הַיינְט הֶערְט מֶען נֶעבֶּעךְ אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת וְוי הַיימִישֶׁע מֵיידְלֶעךְ לוֹיפְן אַוֶועק מִיט אַ גוֹי רַחְמָנָא לִצְלָן].

בְּאֶמֶת אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, ״הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם״ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן ר״מ סְעִיף כ״ה), וֶוערְט קְלָאר גֶעפַּסְקֶ׳נְט: כָאטְשִׁיג כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז די גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, אָבֶּער אוֹיבּ אַ בָּחוּר וִויל טוּהְן אַ שִׁידוּךְ און די טַאטֶע מַאמֶע לָאזְן נִישְׁט, אִיז עֶר נִישְׁט מְחִיוּב זֵיי צוּ פְרֶעגְן. די זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיבּ אַ בָּחוּר הָאט עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ [זֵיי קְלוֹיבְּן זִיךְ...] און עֶר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן פַאר די צְוָואנְצִיג דַארְף עֶר נִישְׁט וַוארְטְן! וַוייל דָאס אִיז אַ מִצְוָה וָואס עֶר אִיז מְחִיוּב צוּ טוּהְן, און עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פְרֶעגְן, פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי אוֹיבּ דֶער בְּרוּדֶער וִויל נִישְׁט לֵייגְן קַיין תְּפִלִין, זָאל אִיךְ שׁוֹין

חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים קי"ט ע"א), אוֹיף דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ד, א): **לַמְנַצֵּחַ, מִזְמוֹר לְדָוִד; זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ;** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הֲנָאָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאזִיגְט אִים מִיט זַיינֶע **טַעֲנוֹת** (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכד).

דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אַז מֶען טַעֲנָה'ט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט, אִיךְ וִויל דָאס וַוייטֶער נִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין מוֹחֶה! וָואס דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פוּן אַלֶע פִיר צְוָואנְצִיג בֵּית דִין'ס, אַפִילוּ אַלֶע שְׁרַייעֶן: דוּ בִּיזְט שׁוֹין בַּיי שְׁמַד! דָאךְ אִיז דֶער צַדִיק נָאךְ גְרֶעסֶער פוּן דֶעם, אוּן עֶר קֶען מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען אַפִילוּ פוּן 'שְׁמַד', אוּן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען בִּיז צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה וָואס דָאס אִיז 'רָצוֹן'.

---

אוֹיךְ נִישְׁט לֵייגְן קַיין תְּפִלִּין וֶועגְן דֶעם? (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אִגְרוֹת מֹשֶׁה' חֵלֶק ו', אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן א).

## יא.

שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (שְׁמוֹת כז, כ): **וְאַתָּה תְּצַוֶּה וְכוּ׳ וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ, כָּתִית לַמָּאוֹר וְגוֹ׳.** זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ״י: כָּתִית, מֶען הָאט דָאס קוֹדֶם גוּט צוּמָאלְן מִיט אַ מִיל, אַזוֹי הָאט דָאס שֵׁיין גֶעלָאכְטְן. דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּקְנַאקְט אוּן צוּבְּרָאכְן, שַׁיינְט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן עֶס לַייכְט בַּיי אִים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

וַוייל אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין חַיוֹת נָאר וֶוען מֶען אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן, וָואס דֶעמָאלְטְס שַׁיינְט עֶס אוּן עֶס לַייכְט, אוּן עֶס צִיהְט אִים יֶעדֶעס וָוארְט, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן בִּיז מֶען גֵייט דָאס דוּרְךְ פוּן אָנְהוֹיב בִּיזְן סוֹף, אוּן מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ: גֶעוַואלְד! פוּן וואוּ וֵוייסְט דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר פוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ?!

אָבֶער אַז אֵיינֶער אִיז בַּיי זִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס, עֶר מֵיינְט עֶר אִיז ׳וֶוער וֵוייסְט וָואס׳, זָאגְט עֶר: פַאר יֶענֶעם אִיז דָאס גוּט! יֶענֶער אִיז אַ ׳בַּעַל-תְּשׁוּבָה׳, אָבֶער נִישְׁט אִיךְ...

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר אַיינֶערְקֶענְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת קֶען עֶר אָפְּלֶעבְּן זַיינֶע יָארְן אוּן הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוּן יֶעדֶע זַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (בָּלָק קצ״ה ע״א): מִיר גֶעפוּנֶען אִין תְּהִלִים דְרֵיי עֶרְלֵיי תְּפִלוֹת: **תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה** (תְּהִלִים צ, א), **תְּפִלָּה לְדָוִד** (תְּהִלִים פו, ע״א), **תְּפִלָּה לְעָנִי** (תְּהִלִים ק״ב, א), יֶעצְט לָאמִיר זֶעהְן וֶועלֶעכֶע פוּן דִי דְרֵיי אִיז דִי הֶעכְסְטֶע תְּפִלָּה? זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ: דִי תְּפִלָּה פוּן אַן אָרִימַאן גֵייט הֶעכֶער פוּן אַלֶע תְּפִלוֹת אוּן אַלֶע דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ זַיין תְּפִלָּה! וַוייל בַּיי אִים שְׁטֵייט (שָׁם): **תְּפִלָּה לְעָנִי** ׳כִּי יַעֲטֹף׳ - דִי תְּפִלָּה פוּנֶעם אָרִימַאן טוּט אַיינְוִויקְלֶען אוּן אַרוּמְנֶעמֶען אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלוֹת; אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן מֹשֶׁה

און פוּן דָוִד דַארְפְן וַוארְטְן אַז דֶער תְּפִלָה פוּנֶעם אָרִימַאן זָאל עֶס אַרוֹיפְטְרָאגְן. כָאטְשִׁיג מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זִיכֶער מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי ׳מֹשֶׁה רַבֵּנוּ׳ וֵוייסְט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין פָּסוּק (דְבָרִים ג, כג): **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳**, זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ״ל (דְבָרִים רַבָּה, יא, י): עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעף הוּנְדֶערְט און פוּפְצְן [תקט״ו] מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִילוֹת, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט (דְבָרִים ג, כו): עֶס אִיז גֶענוּג! בֶּעט נִישְׁט מֶער. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאךְ אַוַודַאי גֶעדַאוֶוענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער מְקוֹר פוּן ׳תְּפִלָּה׳! דָאךְ אָבֶּער אִיז דִי תְּפִלָּה פוּן אַ ׳עָנִי׳ אַסַאךְ גְרֶעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן עֶרְקְלֶערְט דָאס בַּאֲרִיכוּת, און עֶר זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלַּת הַמִּנְחָה הֲלָכָה ז, אוֹת מ; וְעַיֵּין עוֹד שָׁם הֲלָכָה ה, אוֹת ח): דָאס אִיז אַפִּילוּ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעהְט אוֹיף ׳גַשְׁמִיוּת׳, עֶר אִיז פָּשׁוּט אָרֶעם און עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעהְט אוֹיף ׳רוּחְנִיוּת׳; ״**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם**! אִיךְ בִּין אַרָאפּ

גֶעפַאלְן, הֶעלְף מִיר!״. אִיז אַוַודַאי אַז דָאס צוּבְּרֶעכְט אַלֶע דִינִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מַמְתִּיק צוּ זַיין דִי דִינִים פוּן אוּנְז, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גְזֵירוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים דִי ׳עֵרֶב-רַב׳ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן דָארְט הָאבְן גְרוֹיס רַחְמִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com